ב"ה

# פרשת דברים

**בס"ד. משיחת ד' מנחם-אב ה'תש"מ**

**– להתלמידים והתלמידות שיחיו –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

מ׳לערנט אין תורה וועגן בית המקדש, זאָגט דער אויבערשטער אַז דאָס ווערט פאַררעכנט און דאָס גרייט צו און היילט צו דער בנין בית המקדש – דעם אויפבויונג פון בית המקדש,

אויך אַ דין אין תורה און אַ הלכה, אין הלכות בית הבחירה

– וואָס אַזוי ווערט אָנגערופן דער בית המקדש אין מערערע פסוקים, "המקום אשר אבחר" – דער אָרט וואָס דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן, און אַזוי רופט אויך אָן דער רמב"ם זיינע ערשטע פרקים אין די טייל זיינע וואו ס׳רעדט זיך וועגן בית המקדש און קרבנות, ניט ווי די שפּעטערדיקע פרקים – "מקדש" אדער "כלי המקדש" און ענלעכע, נאָר ער רופט דאָס אָן הלכות בית הבחירה –

און ווי גערעדט אין דערויף איז אויך דאָ אַ קלאָר-מאַכן און אַ הלכה אַז דער בית המקדש ווערט אָנגערופן אַן אָרט און אַ הויז וואָס דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן, איז דאָך פאַרשטאַנדיק אז פאַר דעם קלייבן איז נאָך ניט געוועזן קלאָר אין וועלכן אָרט דאָס וועט זיין, וואָס דאָס גיט דאָך צו פאַרשטיין אַז ס׳האָט אויך געקענט זיין אין אַנאַנדער אָרט אויך.

וואָס מ׳געפינט – דער רמב"ם אַליין זאָגט, אַז דער אָרט פון בית המקדש איז געווען אַ ספּעציעלער אָרט, נאָך איידער אַהינצו איז געקומען דוד המלך און האָט דאָס אָפּגעקויפט, וואָרום דאָס איז געווען דער אָרט וואָס אברהם אבינו האָט געבויט אַ מזבח און דאָרט איז געווען עקידת יצחק, און דאָס איז געווען דער אָרט נאָך פאַר דעם אַז דאָרט האָט געבראַכט נח דעם קרבן אויף׳ן מזבח כדי דער וועלט זאָל האָבן א קיום און ס׳זאָל מערניט זיין ענינים ווי דער מבול,

און נאָך פאַר דעם, איז דאָס געווען דער אָרט וואָס קין און הבל האָבן דאָרט געבראַכט זייערע קרבנות, און נאָך פאַר דעם האָט דאָרט געבראַכט דעם קרבן אדם הראשון, און נאָך מערער: אַז פון דעם אָרט איז ער באַשאַפן געוואָרן.

פונדעסטוועגן זאָגט מען אז דאָס איז בית הבחירה, אַן אָרט וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן – אז ס׳האָט געקענט זיין אויך אין אַנאַנדער ארט,

און ס׳קיין שאלה ניט: דער רמב"ם אַליין זאָגט דאָך אז דאָרט איז געווען פריער פילע מזבחות?

איז דאָס דערפאַר וואָס סיי אדם הראשון, במילא אויך זיינע קינדער – סיי נח סיי אברהם, זיי האָבן דאָך געוואוסט – געווען נביאים און האָבן געוואוסט אז נאָך מיט א צייט וועט דאָרט דער אויבערשטער אויסקלייבן בויען דעם מקדש און מזבח, איז דערפאַר האָט דאָס אויך זיי באַוואויגען אז זיי זאָלן דאָרטן מאַכן זייערע מזבח וואָס דאָס איז געווען זייערע מקדש.

וואָרום דאָס קומט אַלס א תוצאה דערפון וואָס דאָס איז געווען בית הבחירה.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת דברים

און מ׳מוז אַזוי זאָגן, וואָרום מ׳זעהט דאָך אַז דער משכן איז געווען אין מדבר, ניט אין דעם אָרט וואו ס׳דערנאָך געווען דער בית המקדש און דאָרט איז געווען השראת השכינה, דאָרט איז געווען דער אויבערשטער מיט אַלע ניסים וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן מקדש און מיטן משכן.

דערפון לערנט אָפּ יעדער איד אין זיין אַרבעט, אז עם האָט מען געגעבן די בחירה אַז ער זאָל זיך אויסקלייבן מאַכן פון זיין טייל אין וועלט און פון אַלע זיינע מעשים, זאָל ער דאָס אויסקלייבן און מאַכן דערפון א הייליקן אָרט פאַר דעם אויבערשטן, אויף וועלכע דער אויבערשטער זאָגט אז דאָס איז ״בית זבול״ – אז דאָס איז דער אָרט וואו ער באַזעצט זיך,

כאָטש אפילו ער געפינט זיך אין גלות, אָדער ער געפינט זיך אין ארץ ישראל – ניט אין אָרט פון דעם בית המקדש, אָדער אפילו אז ער געפינט זיך אויף הר הבית אָבער ווען הר הבית איז אין גלות,

איז פונדעסטוועגן גיט אים דער אויבערשטער דער כח אַז ער זאָל מאַכן בית הבחירה – אויסקלייבן פון יעדער זיין פעולה אז דאָס זאָל ווערן אַ בית הבחירה פאַר׳ן אויבערשטן, דורך דערויף וואָס ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות און יעדער זאַך וואָס ער האָט איז דאָס ביי אים לשם שמים – צוליב דעם אויבערשטן,

אָט דעמאָלט קלייבט אויס דער אויבערשטער, אז דאָס זאָל ער זיך באַזעצן כל זמן מ׳געפינט זיך נאָך אין גלות,

און דאָס היילט נאך מער צו, אז גאָר אינגיכן וועט מען מיטנעמען די אַלע מקדש מעט – די אַלע קליינע בתי מקדשים, און מ׳וועט זיי אַלע אַריבערפירן אין ארץ ישראל, וואָרום ס׳וועט קומען די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקינו, וואָס יבנה בית המקדש במקומו – דווקא, וואָס ער וועט בויען דעם בית המקדש אין דעם אָרט וואו ס׳איז געווען דער בית המקדש פון דוד ושלמה אביו,

און דאָס וועט זיין במהרה בימינו, וואָרום אידן בכלל און אידישע קינדער במיוחד וועלן זיך פירן אויף מאַכן פון יעדער זייער פעולה און פון יעדער זייער אָרט א מקדש מעט,

איז אַלע צוזאַמען ברענגען אַראָפּ און קומען אַלע צוזאַמען אין דעם בית הבחירה במהרה בימינו ממש.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.